# עונג שבת

## פרשת ויקהל תשס"ח

גוט שבת אלע אידן. רב אברהם טאנזער שליט"א (זיין עכטע נאמען) איז דער רב פון דעם גרעסטן שול אין דעם גלענהעיזעל געגענט פון דזשאוהאנעסבערג, סויט אפריקא. רב טאנזער איז געקומען פון ניו יארק צו וואוינען אין סויט אפריקא בערך 40 יאר צוריק. בערך 15 יאר צוריק זענען רב טאנזער'ס עלטערן געקומען וואוינען אין סויט אפריקא ביי אים אינדערהיים, ווייל זיי זענען געווען שוין אלט און שוואך, ל"ע.

איינער פון דער קהילה א געוויסער ר' משה האט אסאך געהאלפן מיט רב טאנזער'ס טאטען ר' יאנקעל'ן, ווייל ר' יאנקעל איז געווען שוין גאר אלט און שוואך. ר' משה פלעגט נעמען ר' יאנקעל'ן אין שול מיט זיין קאר ערב שבת פאר די זמן. דורך דעם זענען ר' יאנקעל און ר' משה געווארן נאנט. נישט נאר דאס אבער די גאנצע קהילה האט ליב געהאט ר' יאנקעל'ן, און זיי האבן אלע געגעבן א "גוט שבת" פאר אים פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען.

ליידער איז ר' יאנקעל נפטר געווארן צוויי יאר נאכדעם וואס ער איז געקומען קיין סויט אפריקא. די גאנצע קהילה האט זיך טייל גענומען אין די אבילות ווייל אין די קורצע צייט איז ר' יאנקעל געווארן גאר באליבט.

בערך דריי יאר נאכדעם איז געפארן ר' משה (דער וואס האט מטפל געווען מיט רב טאנזער'ס טאטען ר' יאנקעל'ן ע"ה) קיין אמעריקא אויף ביזנעס. ר' משה האט געוואלט זיין אין ניו יארק אויף שבת, ווייל ער האט געוואלט זיין צווישן אידן אין שבת קודש. וועגן דעם איז ער געקומען קיין בארא פארק אויף שבת.

משה האט נישט געקענט קיינעם אין בארא פארק, אבער ער האט זיך פארגעשטעלט אז איינער וועט אים איינלאדענען צו די סעודות. אבער, נאר צו זיין זיכער, האט משה געקויפט פיש, וויין, חלות און אנדערע עסן, טאמער ער וועט דארפן עסן אליינס אין זיין האטעל. ר' משה אליינס איז געווען א גרויסער מכניס אורח אין סויט אפריקא. ער האט געהאפט אז איינער וועט אים צוריקבאצאלן און אים איינלאדענען פאר א סעודה.

ערב שבת האט משה געפרעגט אין דעם האטעל וואו ער קען טרעפן אן אשכנזישע מניין, (ווייל משה איז נישט געווען קיין חסידישער איד.) דער איד אין דעם האטעל האט אים געגעבן א נאמען פון א שול און ער האט אים מסביר געווען דעם וועג. באלד דערנאך איז משה געגאנגען אויפן וועג צום שול. ער איז ערשטוינט געווארן צו זען די גאסן אנגעפאקט מיט בעלי בתים, יונגעלייט, בחורים און קינדער גייענדיג אין שול. פאר א איד וואס קומט פון א קליינער קהילה אין סויט אפריקא, איז עס געווען א מוראדיגע זאך צו זען אזא ריזיגען עולם, קע"ה.

ליידער איז ער אביסל אנטוישט געווארן מיט דעם שול. דער עולם האט נישט אויפגעהערט צו רעדן מיטן דאווענען. איז דאס דער באקאנטער מקום תורה בארא פארק פון וואס ער האט אזוי סאך גוטע זאכן געהערט?

נאכן דאווענען, האט משה ארומגעקוקט דעם שול, האפענדיג אז איינער וועט אים איינלאדענען צו דער סעודה. ער האט געזאגט "גוט שבת" פאר עטליכע אידן, אבער נאר אפאר אידן האבן אים געגעבן "שלום." ליידער, האט קיינער אים נישט באמת מקרב געווען. ערגער ווי דעם, איז אז קיינער האט אים נישט גערופן צו דער סעודה. ער איז ארויסגעגאנגען פונעם שול אליינס. ער האט אנגעהויבן צו טראכטן אז אפשר איז ער געווען אביסל תמימותדיג צו מיינען אז אין דעם ריזיגען שטאט ניו יארק וועט מען איינלאדענען א פרעמדען מענטש.

ווען ער איז געווען אויפן וועג צו זיין האטעל, איז משה געגאנגען לעבן א שול אויף 48 סטריט. ער האט געהערט ווי דער עולם זינגט "לכה דודי" מיט א געשמאק. ער האט אריינגעקוקט און ער האט געזען א חסידישער עולם. עס איז געווען אזוי שיין, טאטעס מיט בחורים און קינדער דאווענען ערליך. דאס איז וואס ער האט ערווארטן צו זען אין בארא פארק. משה האט געוואלט אריינגיין אין דעם שול צו קענען שפירן דעם געפיל פון שבת קודש. אפשר דארט אין דעם שול וועט ער איינגעלאדענט ווערן צו א סעודה? צום סוף האט ער זיך געשעמט אריינצוגיין, און ער איז אהיימגעגאנגען צו זיין האטעל אליינס.

שבת אינדערפרי איז משה אויפגעשטאנען פרי און ער האט זיך מפלפל געווען וועגן וועלכע שול צו גיין דאווענען. אויף איין זייט, האט ער געטראכט אז ער זאל דאווענען אין די אשכנזישע שול ווייל דארט האט מען געדאווענט זיין נוסח. אבער מאידך גיסא, האט משה'ס הארץ געזאגט פאר אים אז ער זאל גיין דאווענען אין דעם חסידישען שטיבל וואו ער איז געווארן אזוי נתרגש דעם פאריגען נאכט. צום סוף האט ער געפאלגט זיין הארץ און ער האט זיך מיישב געווען אז ער גייט דאווענען מיט די חסידים. באלד דערנאך איז ער געגאנגען צום סקאליען שטיבל אויף 48 סטריט.

משה איז נתעורר געווארן פון דעם שיינעם דאווענען. דער עולם האט אים אזוי שיין אויפגענומען און אים מקרב געווען. נישט נאר דאס, אבער ער האט אפילו באקומען אן עליה! ער האט געפילט אז ער באלאנגט דארט. נאכן דאווענען איז געקומען צו אים ר' ברוך ראבינאוויץ, דער טאטע פון דעם סקאליען רבין, און ער האט געפרעגט משה פון וואו ער קומט. "איך קום פון סויט אפריקא," האט משה געענטפערט.

פלוצלינג, איז דער עולם שטיל געווארן. "דו קענסט טאנזער?" האט עמיצער געפרעגט. "אוודאי קען איך רב טאנזער," האט משה געזאגט, "ער איז מיין רב, איך דאווען ביי אים שוין אסאך יארן."

"ניין," האט יענער געזאגט. "איך מיין נישט רב טאנזער, איך מיין זיין טאטע ר' יאנקעל טאנזער ע"ה."

"דער אלטער מר. טאנזער... אה! ער איז געווען מיין ספעציעלער חבר. איך פלעג אים נעמען צום שול יעדע ערב שבת. איך בין געווען אסאך צוזאמען מיט אים. איך האב געהאט א שטארקן קשר מיט אים." האט משה געזאגט.

"צו דען ווייסטו נישט..." האט ר' ברוך ראבינאוויץ געזאגט מיט אן ערשטוינקייט, "אז דאס איז ר' יאנקעל טאנזער'ס שול? ער האט געדאווענט דא ממש, און דו ביסט געזיצן אין זיין פלאץ!" נאכדעם איז דער גאנצער עולם נתפעל געווארן צו זען די מוראדיגע השגחה פרטית.

ר' ברוך האט פארגעשטעלט משה פאר זיין זון דער רבי הרה"צ רב אברהם משה ראבינאוויץ שליט"א. דער רבי האט געהייסן אז משה זאל צוריקקומען צו מנחה און של"ס. נישט נאר דאס, אבער אסאך מענטשן האבן אים גערופן צו דער סעודה! משה איז שטארק נתרגש געווארן פון דעם געוואלדיגען חסד וואס די אידן האבן אים געוויסן יענע שבת, עס איז געווען א שבת וואס ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן אין זיין לעבן.

אויב מען רעדט שוין פון דער מצוה פון טון חסד, איז כדאי יעצט צו דערמאנען דא וועגן דעם וויכטיגע מסיבה וואס קומט פאר לטובת המוסד "נפש," וואס איז אן ארגאניזאציע וואס העלפט ארויס הונדערטע נפשות. אוי! הלוואי אז מיר וואלטן נישט געדארפט האבן אזא מוסד! אבער ליידער אז מען זעט אז עס איז דא טאקע א צורך צו דעם, מוז מען אלע שטוצן דעם מוסד. "נפש" איז טאקע א מנוחת הנפש פאר אסאך אידן. וועגן דעם, דורך געבן צו אזא חשוב'ע מוסד, קענען מיר אלע האבן א חלק אין דער מצוה פון העלפן אנדערע אידן וואס זענען אין די שווערסטע מצבים, ל"ע.

לאמיר אויך אביסל רעדן פון דעם עניין פון דער מצוה פון הכנסת אורחים, בפרט אין שבת קודש. די גמרא זאגט אז הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל זיין די הייליגע שכינה. (שבת קכז.) זאגט דער מהר"ל מפראג, "שקולה קבלת אורחים כקבלת פני שכינה כי האדם נברא בצלם אלקים וגו'" (נתיבות עולם א עמוד קיט - נתיב העבודה פרק יג) ד"ה די מצוה פון הכנסת אורחים איז געוואויגען קעגען מקבל זיין די הייליגע שכינה ווייל יעדער איד איז באשאפן געווארן אין דעם צלם אלקים. שבת קודש איז א צייט וואס איז מיוחד צו השראת השכינה. אויב אזוי, איז די מצוה פון הכנסת אורחים אין שבת קודש נאך א גרעסערע מצוה ווי אין די וואכן, ווייל הכנסת אורחים איז דאך גרעסער ווי מקבל זיין די הייליגע שכינה!

מען קען נישט אריינברענגען יעדען גאסט אין שטוב. אבער, דורך דעם וואס מען נעמט אויף א פרעמדען איד אין שול מיט א ווארעמקייט, איז מען מקיים דער מצוה פון הכנסת אורחים אין שבת. אלעס הייבט זיך אן מיט זאגן א ווארעמע "גוט שבת" (**אלע אידן.**)

<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו לנכדו הרה"צ רבי איתמר כ"ץ שליט"א חתן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א</u>

מזל טוב לחמי מוה"ר יוסף פרץ הלוי ביללער שליט"א לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ

לע"נ ר' דוב בער בן ר' חיים וואלפבערג ז"ל כ"ו אדר תשי"ח

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)